דער בלאט

צייטשריפט פון אלוועלטליכן ארטאדאקסישן אידנטום

DER BLATT

VOICE OF WORLDWIDE ORTHODOX JEWRY

# שקר החן והבל היופי

פאַרפאַלן, ישראל קדושים הם. עס איז אַן אומגלויבליכע מחזה אין ארץ ישראל צו זען ווי אַזויפיל נשים צדקניות האָבן מסירת נפש ניצל-צו-ווערן פון אַ ספק עבודה זרה. מען שפּירט פאַר אַ זכי' מקיים צו זיין דעם "בכל מאודך" אין פיגורירטן זין פון וואָרט; מען קוקט נישט אויף שאָדנס פון טויזנטער דאָלאַרן נאָר מען פירט אויס מיט שטאָלץ דעם ובערת הרע מקרבך.

פילע הונדערטער יאָרן איז שוין כלל ישראל נישט אויסגעשטאַנען דעם נסיון פון עבודה זרה אויף אַזאַ מאַסיוון פאַרנעם. און מ'איז ב"ה דעם נסיון בייגעשטאַנען, נפתלתי וגם יכולתי.

מיט אַ טיפערן בליק אבער, שטעלט זיך איצט נאָכמער אַרויס וועלכע פרויען עס זענען ריכטיג לויבנסווערד. דאָס זענען די נשים צדקניות אויף וועמען דער פסוק זאָגט "אשה יראת ה' היא תתהלל"; די וועלכע האָבן אַלעמאָל מקיים געווען דעם "שקר החן והבל היופי" און האָבן מיט אַ דרייסטקייט פון "לא יבוש מפני המלעיגים" אויסגעפאָלגט דעם איסור פון רוב גדולי הפוסקים אויף פאה נכרית, און על כל פנים געהאָרכט צו די נאָכאַנאַנדיגע וואָרענונגען פון גדולי דורינו זיך נישט צו קליידן מיט לאַנגע, רעש'יגע אדער מענטשן-האָר שייטלען וואָס ווערן באַצייכנט אין גדר פון פריצות ר"ל.

(פאָרזעצונג אויף זייט 129)

# שקר החן והבל היופי

(פאָרזעצונג פון זייט 17)

ס'איז מערקווירדיג בולט אז טראָץ די חברי ביד"צ עדה החרדית זענען, ווי שטענדיג, געווען די עמודי האש ההולכים לפני מחנה ישראל וועלכע האָבן געברענגט דעם חומר הענין צום אויפמערקזאַמקייט פון כלל ישראל, און טראָץ פריוואַט פסק'נט יעדער חבר הביד"צ באַזונדער לאיסורא, איז אבער דער ביד"צ אַלס אַ געמיינזאַמער בית דין נישט אַרויסגעקומען מיט אַן איסור – ומפי השמועה שמענו אַז די סיבה איז כדי שלא יאמרו פרושים התרו את הדבר, מען זאָל נישט אַרויסדרינגען בטעות אפילו אַ רמז קל כאילו דער בית דין הגדול שבירושלים איז באיזה אופן שהוא מתיר די שייטלען בעצם, ווען נישט די איצטיגע שאלה.

די אַלע ערליכע נשים צדקניות וועלכע האָבן בלינדערהייט אויסגעפאָלגט דעם דעת רוב גדולי הפוסקים, דאַרפן איצט לויבן השי"ת אז זיי זענען די אַלע יאָרן ניצל געוואָרן נישט בלויז פון מכשיל זיין אידן מיט ראיות אסורות, נאָר זענען געראַטעוועט געוואָרן פון דעם האַרבן איסור פון תקרובת עבודה זרה אויף וואָס דער פסוק (דברים ז' כ"ו) זאָגט די מורא'דיגע ווערטער 'ולא תביא תועבה אל ביתך והיית חרם כמהו שקץ תשקצנו ותעב תתעבנו כי חרם הוא'.

אויפן פסוק "ולא תתורו אחרי לבבכם ואחרי עיניכם" זאָגט די גמרא אין מס' ברכות (י"ב ע"ב) "אחרי לבבכם זו מינות ואחרי עיניכם זו הרהור עבירה". אָט די פרויען וועלכע האָבן אויסגעפאָלגט מיט אַ תמימות דעם פסוק, נישט וועלנדיג מכשיל זיין אידן מיט'ן "אחרי עיניכם זו הרהור עבירה", איז איצט הוברר הדבר למפרע אז זיי זענען אַליין ניצל געוואָרן פונעם "אחרי לבבכם זו מינות".

און ווי פילע בעלי משפיעים אין ארץ ישראל האָבן אָנגעוויזן, אז אפשר איז טאַקע די שערורי' נישט בלויז אַ צייכן מ'זאָל אַפּירזוכן אַזעלכע שייטלען ריין פון חשש תקרובת עבודה זרה, נאָר אַ רמז מן השמים זיך געגצליך צוריקצוקערן צום אור-אַלטן אידישן לבוש. אם לא תדעו לך היפה בנשים צאו לך בעקבי הצאן, ומי יתן והי'.

ובזכות שלא שינו את לבושם נגאלו אבותינו.○